# דער מיניסטער פון ליעבע

דעם משוגענעם, וואָס האָט געטראָגען אזא מאָדנעם צונאָמען האָב איך באַגעגענט אין אַ גרויסער גובערנסקער שטאָדט, וואו עס זיינען געווען פיער שולען, אַ מענער גימנאזיע, אַ פרויען גימנאזיע, צוויי טעאַטערע און אנדערע סימנים פון אייראָ־פעאישער קולטור.

דאָס איז נישט געווען קיין ערנסטער משוגענער. מען האָט פאר איהם קיין דרך ארץ נישט געהאט, איהם וועניג ליעב געהאט, און פיעלע, מעהר ווי אַלע, דער עלטערער דור, האָבען זיך געקרימט אויף איהם.

ריכטיגער איז עס געווען נישט קיין משוגענער, נאָר אַן אידיאָט, אַ שוואַכזיניגער, וואָס האָט זיך אָבער זעהר גוט צוגע־פאסט צום ארומיגען לעבען. אַ פעהיגער סוחר איז פארלאָרען געגאנגען אין דעם לאנגען אומגעלומפערטע מענשען, וואָס איז געשטאַנען אין ראָג פון דער הויפט־גאַס. ווער ווייס, צי וואָלט זיך פון איהם אין דער מאַטעריאַליסטישער אַמעריקאַ נישט אויס־געארבייט קיין גוטער „ביזנעסמאן“, אָדער פאָליטישען, מאכט נישט אויס, וואָס זיין קאָפּ האָט זיך געטרייסעלט אויפ’ן לאנגען שמאָלען האַלז.

אָט דאָס אייביגע טרייסלען זיך און דער דומפּפער קול פלעגען מאַכען אַן אָפּשטויסענדען איינדרוק. ער איז געווען יונג, אפשר דער איינסטער אין מיין גאנצער סעריע שטאָדט־משוגעים, אויב נים רעכענען צאַלקע דעם בעל־חלומות, וועגען וועלכען מיר וועט נאָך אויסקומען צו רעדען אַן אנדערם מאָל.

דער מיניסטער פון ליעבעס ־ אנגעלעגענהייטען האָט זיין קאַריערע אָנגעהויבען אלס שוסטער־יונג. די לאַטעס, וואָס ער

האָט געלעגט אויף די שיף פון די ג׳ער איינוואוינער, האָבען ניט געטויגט. וואָלט ער געווען א שוסטער אין מלחמה־צייט און וואָלט ער צונעשטעלט אזעלכע שיך אין דער ארמעע, וואָלט ער אָהן ספק נתעשר געוואָרען. נאָר צו יענער צייט איז קיין מלחמה נישט געווען, און זיין באַלעבאָס האָט איהם געשלאָגען, וויפיעל דאָס הארץ האָט געגלוסט. די קונדען זיינען געווען אונצופרידען, דער שוסטער האָט זיי ניט געוואָלט פארלירען און אויסגעלאָזט האָט זיך, אז ער האָט דעם יונג ארויסגעטריבען אין גאַס, און דאן איז ער געוואָרען א מיניסטער פון ליעבעס־אנגעלעגענהייטען.

נעדאכט האָט זיך, אז אזוינס פּאַסירט נאָר אין מעשה׳לעך, פון א שוסטער זאָל מען ווערען א מיניסטער. נאָר דעם אמת געזאָגט, איז ער געווען א שלעכטער שוסטער און נאָך אַן ערגערער מיניסטער. אין א גובערנסקער שטאָדט פון היילינען רוסלאנד, ווען מען שטעהט אויפ׳ן ראָג פון א געשעפטס־גאַס אונטער א לאמטערן, — קען מען דען זיין א רעכטער מיניסטער ?

ער האָט זיך גענומען צו א מאָדנער באשעפטיגונג. ער האָט געשאלט און געוואלט איבער דער ליעבע פון די יונגע לייט, וואָס האָבען געוואוינט אין דער גובערנסקער שטאָדט נ. פון פריה ביז שפּעט אין דער נאכט איז ער געשטאַנען אויף זיין פּאָסטען אונטער דער שמוציגער לאמטערן און האָט געקוקט. זיינע פאַרנעבעלטע אויגען האָבען אָרום גאָר ניט געזעהן א חוץ ליעבע, א חוץ איהר געבאָרען, איהר פריהלינג, איהר ערשטען אויפבליהען. ער האָט געהאט א שלעכטען זכרון, נאָר די פרעמדע ליעבעס האָט ער געדענקט און קיין מאָל זיך אין זיי ניט טועה געווען.

ער האָט באמערקט, אז באָרים אייזענשטאדט, דער גימנאזיסט פון לעצטען קלאַס האָט זיך צוויי מאָל דורכגעשפּאצירט מיט דער שענער גימנאזיסטקע בערטהע שווארץ. פאר׳ן מיניסטער איז עס שוין גענוג געווען. ער האָט באמערקט און באהאלטען אין זכרון דאָס, וואָס אנדערע האָבען נישט געזעהען אפילו. ער האָט באמערקט, ווי ביי באָרים אייזענשטאדט׳ען האָבען די אויגען געגלאנצט, ווי ער האָט זיך פארלאָרען, און ער האָט באמערקט די יונגע פרייד, וואָס זיין געזיכט האָט אויסגעדריקט. פון דער מינוט



אָן איז דעם גימנאזיסט׳ס ליעבע געווען אין זיכערע הענט. זיי האָבען געהאט א טרייען שומר, א גוטען מלאך, וואָס האָט זיי באשיצט. און מאָדנער ווי אַלץ איז דאָס, וואָס דאָס פּאָרעל פלעגט נאָר נישט חושד זיין, אז עמיצער, דערצו אזא מאָדנע באשעפעניש, באשיצט זייער ליעבע.

זייט דעמאָלט, פלעגט נאָר דער מיניסטער פון ליעבעס־אנגע־לעגענהייטען דערזעהען באָרים אייזענשטאדט׳ען, פלעגט ער צו איהם צוגעהן און זאָגען מיט זיין דומפּפען קול :

„גאָספּאָדין ! בערטהא איז צוריק מיט א האלבע שעה אוועק צו דער פּאָסט“.

דער דאנקבארער פאררויטעלטער באָרים פלעגט איהם אריינ־שטעקען א מטבעה און באלד, פארשטעהט זיך, לויפען צו דער פּאָסט.

אזוי האָט ער צונויפגעבראכט סענדער׳ן מיט חנה׳ן, נחום׳ען מיט שיינען, יענקלען מיט חיה׳ן, משה קאטץ׳ען מיט מירעלען און בריינען. ווייל משה קאטץ האָט געהאט א ברייט הארץ און ער האָט אַלץ ניט געקענט באשליסען, ווער איז בעסער — מירעלע אָדער בריינע, איז ער דערפאר נאָך ביידע נאָכגעגאנגען, ווי א שאָטען.

פלעגט די לאָגע זיך ענדערען, און באָרים פלעגט אויסבייטען בערטהען אויף שיינען, און נחום פלעגט פארנעמען יענקעלס אָרט, האָט דער שר של ליעבע אויפ׳ן שטעל דערפון געוואוסט. ער האָט זיך גאָר נישט מצער געווען פאר בערטהען און ניט געקליבען קיין נחת פון שיינען. ער פלעגט אין דעם פאקט בלויז פארצייכענען אין מוח, אויב ער האָט נאָר געהאט א מוח.

„גאָספּאָדין, באָרים, — פלעגט ער שעפּטשען אויפ׳ן אנדערען טאָג, — „פרייליין שיינע איז אוועק אויפ׳ן גליטש“.

און ווידער פלעגט ער קריגען פון באָרים׳ן קליינגעלד.

רוהיג, פריי פון פערזענליכע סימפּאטיען, ווייט פון וועלכער ס׳איז פּארטייען, ווי עס פּאסט פאר אַן עכטען מיניסטער, איז ער געשטאַנען אויף זיין פּאָסטען און באוואכט די יונגע ליעבע, דעם גרויסען פריהלינג פון ליעבע, וואס בליהט אין אלע שטעדט, אפילו אין די גובערנסקע.

אָפּט פלעגט מען איהם שלאָגען, דעם מלאך השרת פון ליעבע, אמור'ס מאָדנעם פּריסטער.

איינמאָל, איבער דער הויפּט־גאַס, וואו דער מיניסטער איז געשטאַנען, איז דורכגעגאַנגען קיווע בּאַראַש מיט'ן ווייב אונטער'ן אָרעם. ווענן דעם בּאַראַש האָט מען זיך גע'סוד'עט, אַז מיט דער שענער אלמנה ראָזענבלאַט, איז ער מעהר ווי פריינדליך. ס'איז גענוג זיך פאָרצושטעלען ווי קיווע האָט זיך דערפיהלט, ווען דער מיניסטער פון ליעבעס־אנגעלעגענהייטען, נישט אומקוקענדיג זיך אפילו אויפ'ן ווייב, האָט צו איהם געזאָגט:

„גאָספּאָדין בּאַראַש, מאַדאַם ראָזענבלאַט איז נאָר וואָס דאָ דורכגעגאַנגען צום וואקזאל“.

א:יפ'ן שטעל האָט זיך אָפּגעשפּיעלט א היסטעריקע מיט קיווע'ס ווייב. אָבער דער מאַן, איידער ער האָט זי אויף א איזוואָשטשיק אוועקגעפיהרט פון עולם, וואס האָט פון דער סצענע שטאַרק הנאה געהאַט, האָט ער דעם מיניסטער גוט אָנגעבראָכען די ביינער.

דער אָרימער כהן גדול פון פּרעמדער ליעבע, פאַרשטעהט אודאי עד היום נישט, פאַר וואָס מען האָט איהם געשלאָגען.

אזעלכע געשיכטען האָבען אָפּט פּאַסירט.דער מיניסטער פון ליעבעס־אנגעלעגענהייטען האָט זיך געמאַכט ניט וויסענדיג דערפון. מסתמא האָט ער געמיינט, און איז טאַקע גערעכט געווען, אַז אין יעדען געשעפט פיהרט זיך אזוי, — עס זיינען פאַראַן ניט נאָר רויזען, נאָר אויך דערנער. מען דאַרף נאָר ביי זיך ניט אַראָפּ־פאַלען. און ער איז ביי זיך נישט אַראָפּגעפאַלען. פון די בלומען־בלעטלעך, וואָס זיינען געפאַלען פון מזבח פון ליעבע, האָט דער מיניסטער שפּעטער צונויפגעשלאָגען א שטיקעל קאַפּיטאַל.

קונדען האָט ער שטענדיג געהאַט גענוג: דערפאַר האָבען געזאָרגט צוויי גימנאַזיעס, די געשעפטען, וואו ס'זיינען געווען אָנגעשטעלט פּריקאַזשטשיקעס און דערהויפּט די גרויסע נאַטור, וואָס צווינגט דעם מאַן צו זוכען די פרוי און פאַרקעהרט.

דער מיניסטער פון ליעבעס - אנגעלעגענהייטען איז עלטער געוואָרען. די שענע ליעבעס־פריידען, ווען אפילו פרעמדע, ווען



אפילו נאָר אויסגעשפּיאָנירטע, האָבען איהם שוין ניט אזוי באַגייס־טערט. איך וואָלט זאָגען, אַז מיט די יאָהרען איז ער געוואָרען אַלץ פּראַקטישער, — אָן אָפּטע ערשיינונג צווישען אַלע אידעאַ־ליסטען. זיין טעטיגקייט האָט אַלץ מעהר אָנגענומען א געשעפטס־מעסיגען און פּראָזאאישען כאראקטער. דער ליעבעס־מיניסטער, דער דיענער פון פּרעמדער ליעבע! — האָט זיך אַלץ מעהר פאַרקוקט אויפן פּאָרטפעל פון א פינאַנס־מיניסטער. אַלץ מעהר און מעהר הויבט איהם אָן צו אינטערעסירען דאָס קליינגעלד וואָס ער קריגט. ער איז קאַליע געוואָרען. מען האָט איהם דעמאָראַליזירט, אזוי צו זאָגען. אין זיין גייסטיגען פאַלען, מוז מען צוגעבען, האָבען א גרויסע ראָלע געשפּיעלט די אָרטיגע אפּיצירען, וואס האָבען נישט באַגריפען דעם תוך פון זיין נשמה און איהם גענומען אויסנוצען פאַר קליינליכער ליעבעס־מעקלעריי. ער איז געפאַלען. ער האָט פאַרלאָרען זיין ווירדע. מען האָט דעם מיניסטער אונטערגעקויפט.

דער סוף פון דעם אַלעם איז געווען גאָר אָן אונערוואַרטעטער. ער האָט חתונה געהאַט מיט א טויב־שטום מיידעל. שבת שפּאַצירט ער אין ווייסען פּאַפּירענעם קראַגען, דרעהט מיט'ן לאַנגען האַלז און שמייכעלט, פאַראויס געהען צוויי אייניקלעך זיינע, אויך טויב־שטומע.

אזוי האָט איינער וואָס האָט יאָהרען לאַנג געלעבט אין דער אַלטרואיסטישער אַטמאָספערע פון פּרעמדער ליעבע, געפונען זיין איינען קליין עגאָאיסטיש גליק.

